בעזהשי"ת

ב'טע יארגאנג • נומער 22 ניסן תשע"ב לפ"ק • פרייז $6.00

# דער אוצר

יראת ה' מאוצר רב

חודש'ליכע אויסגאבע פאר תלמידי
ותסידי רביה"ק מסאטמאר זי"ע

ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים




תם מה הוא אומר:

## וואס דער קאנסערוואטיווער ראַביי קולאַ שרייבט איבער קרית יואל

לייענט עדיטאריעל

החסיד ר' ישראל שמעון קאסטעלאניץ ע"ה דערציילט:

## עבודת הצדיקים בחודש ניסן

## פסח אין ליסקא

ביי הרה"ק רבי צבי הירש מליסקא זי"ע

הגה"צ רבי משה ארי' לעוו זצ"ל מטעמעשוואר
הגה"צ רבי יעקב לייזער מפשעווארסק זצ"ל
**להבחל"ח כ"ק מרן הגאב"ד ירושלים שליט"א**
הרה"ח ר' שלום פעקעטע שליט"א

דערציילן איבער: **שלש סעודות ביים רבי'ן**

# אינהאלט




עדיטאריאל
**תם מה הוא אומר** 6



**פסח אין ליסקא**
ביי הרה"ק ר' צבי הירש
מליסקא זי"ע 8



מוסר והשקפה
**איינווארצלען**
**אמונה** 14



הת' ר' ישראל שמעון קאסטעלאניץ דערציילט:
**עבודת הצדיקים**
**בחודש ניסן** 18



בינטלען זכרונות
**שלש סעודות**
**ביים רבין** 23



די שערורי' איבער
**די ציקאריע**
**געטראנק** 27



די שערורי' ארום
**שנת השמיטה**
**תרמ"ט לפ"ק** 32



ידיהם דמים מלאו
**די ציוניסטישע**
**בליטיגע הענט** 36


"דער אוצר" אינהאלטספולע רייכע
לייען-מאטריאל פאר די גאנצע משפחה!




## מערכת אינפארמאציע


**זיך צו פארבינדן מיט די רעדאקציע**
**רופט 845-781-2285**
Der Oitzer - POB 254 Monroe NY 10949
845-781-2285| Fax 845.782.0171


**זיך צו סובסקרייבן צו באקומען "דער אוצר" אויף פאסט, שיקט אריין $62 אויף אונזער אדרעסס, מאכט זיכער צו שרייבן קלאר אייער נאמען, אדרעס, טעל נומער**


כל הזכיות שמורות ©
עס איז נישט ערלויבט נאכצודרוקן סיי וועלכע ארטיקלען, מאמרים, גאנצע אדער טיילווייז, פון אלע אונזערע אויסגאבעס, אן שריפטליכער ערלויבעניש פון די רעדאקציע

# פסח אין ליסקא

בײ הרה"ק ר' **צבי הירש מליסקא** זי"ע



פון ספר דרכי הישר והטוב, און פונעם בוך "ר' הערש'עלע ליסקער זי"ע"

## די דרשה שבת הגדול

שבת הגדול און שבת שובה פלעגט הרה"ק מליסקא זי"ע צו זאגן גרויסע דרשות, ער האט אנגעהויבן מיט א חלוקה דרבנן זאגנדיג א פשט'ל אין א סוגיא, אבער דער עיקר דרשה איז געווען צו לערנען אידישע קינדער דעם דרך התורה הקדושה. אויף א קלענערן פארנעם איז דאס באמת געווען יעדן שבת מיטאג ביי די קוגעל ווי ער פלעגט אויך זאגן א קליינע דרשה, אבער שבת הגדול און שבת תשובה איז געווען א גרויסע דרשה.

געווענליך פלעגט קומען אויף שבת הגדול זיין יוגענט חבר הגאון רבי שלמה גאנצפריעד זצ"ל בעל קיצור שולחן ערוך וועלכער איז געווען שטארק בידידות מיט אים, האבנדיג געלערנט צוזאמען אינגערהייט ביי הגאון בעל טיב גיטין זצ"ל. ער פלעגט זיך מפלפל זיין מיט הרה"ק מליסקא זי"ע אין די סוגיא וואס ער האט געדרש'נט ביי די דרשה.

ביי די שבת הגדול דרשה פלעגט ער זאגן די הלכות פון פסח, בדיקת חמץ, כשר'ן די כלים און הלכות פון מצות באקן. ער פלעגט אויך אנזאגן מען זאל האבן צום סדר אן ארעמאן ביים טיש, ווי מיר וועלן שפעטער ציטירן.

## נייע מאדעס ברענגען נייע קרענק ל"ע

ביי די דרשה פלעגט ער צו ווארענען און זיך שטארק בעטן בתחנונים, מען זאל ערציען די קינדער צו די תורה הקדושה. מען זאל זיך נישט קליידן מיט די נייע מאדעס, ווייל יעדע נייע מאדע ברענגט מיט זיך א נייע קראנקהייט חס ושלום.

## שפאצירן מיט די ווייבער

ער האט זייער מעורר געווען אז די מענער זאלן נישט גייען מיט די ווייבער שפאצירן צוזאמען, דאס איז מעשה בהמה. ער האט שטרענג באפוילן דעם שוחט, אז אויב מען זעהט א יונגערמאן גיין שפאצירן מיט זיין ווייב, זאל ער אים נישט אויפרופן צו די תורה מיטן טיטל מורינו.

אויך פלעגט ער זייער צו ווארענען די פרויען זאלן נישט טראגן שווארצע מלבושים, ער האט געזאגט אז זי טרויערט ח"ו אויף איר מאן ביי זיין לעבן.

## כי היא חכמתכם ובינתכם

איינמאל האט ער ביי זיין דרשה געזאגט מיט ביטערע טרערן, מיט דעם לשון: מענטשן זאלן נישט זיין אזעלכע נאראנים. די תורה שרייבט כי היא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים, דעמאלט וועט איר הייסן קלוג ווען איר וועט האלטן די תורה. און דאן זאלן זיך מענטשן איינרעדן דאס פארקערטע, אז ווען זיי וועלן גיין בחקותיהם וועלן זיי הייסן קלוג.

## שפילן קארטן

ער פלעגט אייביג זייער ווארענען איבער קארטן שפילן. ער האט א שטיק צייט געשיקט זיין משמש בייגאכט צו קוקן אינטער די פענסטער אויב מען שפילט נישט קיין קארטן. ער פלעגט זאגן, די וואס וועלן מיך נישט פלאגן וועל איך מאכן פאר ארימעלייט. און עס איז טאקע אזוי געווען.

איינמאל איז געווען ביי אים א איד, און געזאגט: רבי לעבן, אונזער שוחט האט ביי אונז איינגעפירט אז מען זאל שפילן קוויטלעך.

האט אים הרה"ק מליסקא זי"ע געענטפערט: האט אייך אייער שוחט איינגעפירט דאס קוויטלעך שפילן, כדי אז דורכדעם זאלט איר

נישט שפילן קיין קארטן, איז ער נאר א האלבער פושע ישראל, אויב ער האט נישט דאס געמיינט איז ער א גאנצער פושע ישראל.

## פארענטפערן דעם רמב"ם

הרה"ק מליסקא פלעגט זאגן א ווערטל, אז פאר פסח פלאגן זיך די רבנים צו זאגן א פשט'ל צו פארענטפערן א הארבן רמב"ם ביי די דרשה, ער האט אויך א הארבע סתירה צווישן צוויי רמב"ם'ס און ער פארענטפערט עס למעשה.

דער רמב"ם פסק'נט להלכה "בערב תאכלו מצות" אז יעדער איד דארף עסן מצות פסח אויפדערנאכט, און אויף אן אנדערן פלאץ ברענגט דער רמב"ם די הלכה פון "לא תגנוב" אז מען טאר נישט גנב'ענען, נו, אויב אזוי וואס זאל טוען דער ארעמאן? וויאזוי קען ער מקיים זיין סיי דעם בערב תאכלו מצות, און סיי דער לא תגנוב, איז דאך דאס א הארבע סתירה.

דערפאר ווען עס קומט צו אים אן ארימאן וואס האט נישט קיין מצות אויף יום טוב, גיבט ער אים מצות, און מיט דעם ווערט זייער שיין פארענטפערט די סתירת הרמב"ם...

## געבן תיקון לכבוד די נשיאים

אין די טעג פון חודש ניסן ווען מען לייענט די נשיאים, פלעגט ער לייענען דעם נשיא אין די ספר תורה ווי עס איז דער מנהג, און ער האט דערנאך געטיילט תיקון אין בית המדרש יעדן טאג. אסאך מאל האט ער געזאגט תורה אויפן נשיא פון יענעם טאג.

אזוי אויך דעם אנדערן אינדערפרי נאך קידוש לבנה פלעגט ער טיילן תיקון נאכן דאווענען.

## מכירת חמץ

הרה"ק מליסקא זי"ע פלעגט שרייבן דעם שטר פון מכירת חמץ נאכגעשריבן פונעם נוסח השטר וואס זיין רבי דער הייליגער ישמח משה זי"ע האט געשריבן, ער האט דאס אויך אריינגעדרוקט אין די ספרים פון ישמח משה, האבנדיג דערין גרויסע ענינים דערביי, ספעציעל פלעגט הרה"ק מליסקא זי"ע אנווייזן ווי דער ישמח משה שרייבט אינמיטן דעם נוסח "ואלו הן" און ער רעכנט אויס צען זאכן וואס ער פארקויפט, פלעגט ער זאגן אז דאס איז מרמז אויף די צען מכות.

פאלגענד איז דער העתק השטר:

שיל"ת. הקעמעריל של חומה הנסמך לבית שאני הח"מ דר בו, העומד בחצר ביהכנ"ס דפק"ק אוהעלי יצ"ו, השכרתי בעד זהב א' שיין, להערלית מאריש, מיום דלמטה עד יום ששה ועשרים לחודש ניסן דנא הבע"ל, והקניתי לה בקנין כסף אדרויף שנתנה סך ששה צל פשוטים, ובמסירת המפתח של הקעמעריל הנ"ל ובכל



# אקטועלע הלכות אויף פסח.

פאלגענד איז אין קורצן די דינים וועלכע הרה"ק מליסקא זי"ע פלעגט זאגן ביי די שבת הגדול דרשה (פון דרכי הישר והטוב)

- אום אנפאנג נאכט פאר דעם פערצענטן טאג ניסן איז מען בודק חמץ ביי די שיין פון אן איינציגן ליכטל פון וואקס.
- בעפאר מען איז בודק חמץ טאר מען נישט טוען קיין ארבעט.
- בעפאר מען איז בודק מאכט מען א ברכה על ביעור חמץ. מען זאל נישט אויסרעדן צווישן די ברכה און די אנפאנג בדיקה.
- מען זאל בודק זיין ווי גלייך מען זוכט א וויכטיגע זאך וואס מען האט פארלוירן. עס איז גוט צו לייגן צען שטיקלעך טרוקענע ברויט, מען זאל עס טרעפן ביים בודק זיין, דאס איז על פי סוד.
- נאכן בודק זיין זאל מען מבטל זיין און זאגן כל חמירא, דאס הייסט אז יעדע חמץ וואס געפינט זיך אין הויז אן זיין וויסן זאל זיין הפקר ווי דאס שטויב פון דער ערד.
- די צייט פון חמץ עסן ערב פסח איז ביז האלב ניין. די צייט פון פארברענען דעם חמץ איז ביז האלב צען.
- ווער עס האט אסאך חמץ איז גוט ער זאל דאס פארקויפן א טאג פאר ערב פסח. מען זאל נישט פארקויפן פארטיגע ברויט דאס צו קענען עסן גלייך נאך פסח.
- דינים פון כשר'ן
- די כלים וואס מען וויל כשר'ן זאל מען בעפאר דעם אפרייבן דעם ראסט און גוט ריין מאכן, דאס זאל נישט גענוצט ווערן אין די 24 שעה פארן כשר'ן.
- די כלים וואס מען נוצט ביים פייער מוז מען גליען מיט פייער.
- א כלי וואס האט א לאטע מוז מען יענעם ארט גליען מיט קוילן און דערנאך כשר'ן די כלי מיט קאכעדיג וואסער.
- אזעלכע חמץ כלים וואס וואס מען כשר'ט נישט זאל מען איינשפארן אין א שטוב.
- גלאזערנע כלים זאל מען נישט כשר'ן.
- אויב מען קויפט נייע כלים צו קאכן דערין יום טוב, זאל מען דאס אויסקאכן פאר יום טוב.
- דינים פון אפיית המצה.
- די ווייץ וואס מען מאכט מצות דארף זיין משומר לשם מצה. עס איז גוט אויב מען היט דאס לשם מצה פונעם שניידן.
- מען ברויך דאס מאלן לכל הפחות א טאג פארן שניידן.
- מען קנעט נאר מיט מים שלנו. עס איז גוט צו שעפן פאר צאת הכוכבים, אויב באקט מען זונטאג, זאל מען שעפן דאנערשטאג נאכט פאר בין השמשות.
- אין די טעג וואס די שנייי צעלאזט זיך, זאל מען ענדערש שעפן פון א קוואל ווי פון טייך.
- מען זאל לייגן דאס וואסער אויף א קאלט פלאץ.
- מען זאל נישט אריינלייגן די מים שלנו אין א כלי וואס מען האט שוין גענוצט פאר אנדערע זאכן.

- מען זאל נישט קנעטן א טייג גרויס ווי א שיעור חלה, דאס איז ווי 43 און א פינפטל אייער.
- מען זאל זאגן ביים באקן לשם מצות מצוה.
- מען זאל נישט באקן די מצות קעגן די שיין פון די זון, און נישט נאנט צום אויוון.
- מצות מצוה זאל מען נישט קנעטן דורך גוים אדער א חרש שוטה וקטן.
- דער רא"ש ז"ל פלעגט אליינס צו ארבעטן ביים באקן זיינע מצות.
- (הערת הכותב נכדו הר"ר וואלף ז"ל. אאמו"ר הרב מה"ר יוזעף זצ"ל פלעגט זאגן אז דערפאר פירט מען זיך צו זאגן ביים מצות באקן ערב פסח "פירורין יהא הפקר" ווי עס שטייט אין שו"ע או"ח סי' ת"ס. ווייל עס שטייט פון אר"י הקדוש ז"ל אז מען זאל מאכן די מצות בזריזות ובכח ביז מען שוויצט און דאס איז א תיקון פארן חטא הידוע ר"ל, דערפאר זאגט מען פירורין יהא הפקר דאס מבטל צו זיין. דאס זעלבע וואונטשט מען ביי א חתונה אז דער זיווג זאל עולה יפה זיין ווייל יפ"ה איז ר"ת פ'ירורין י'הא ה'פקר, וד"ל).
- ביים אויוון ברויך מען אויסשפרייטן קוילן אויפן גאנצן אויוון, עס איז נישט גענוג וואס מען גליעט דאס בלויז מיט פלאמען.
- ביים חלה נעמען זאל מען אלע מצות אריינלייגן אין א קארב, אדער אונטער א דעקע.
- מען טאר נישט טוען קיין מלאכה ערב פסח נאך חצות, און פאר חצות איז געוואנדן אינעם מנהג, דארט וואו מען פירט זיך יא צו טוען מעג מען.
- די בכורים פאסטן ערב פסח.
- מען טאר נישט עסן א סעודה פון די צענטע שעה אין טאג און ווייטער כדי ער זאל קענען ביינאכט עסן די מצות מצוה מיט א געשמאק. מצה זאל מען ערב פסח א גאנצן טאג נישט עסן.
- דיני הסדר
- דער סדר טיש זאל זיין צוגעגרייט נאך פון בייטאג כדי מען זאל זיך קענען זעצן צום סדר ווען די קינדער זענען נאך אויף.
- מען זאל זיך אנלאנען אויף די לינקע זייט.
- דער כוס ברויך אנטהאלטן א רביעית (גרויס ווי אנדערהאלבן ביז צוויי אייער). מען ברויך טרינקען כאטש רוב כוס.
- אכילת מצה דארף מען עסן אנהייב (נאכן זיך וואשן די הענט און זאגן נטילת ידים) צוויי כזיתים, פון די אויבערשטע גאנצע מצה איין כזית, און פון די מיטלסטע צעבראכענע מצה אויך א כזית. מען מאכט צום ערשט א המוציא און דעמאלט צעברעכט מען די אויבערשטע מצה און מען מאכט די ברכה על אכילת מצה און מען עסט אנגעלאנט די פארלאנגטע צוויי כזיתים.
- דערנאך זאל מען עסן א כזית מרור נישט אנגעלאנט מיט די ברכה פון על אכילת מרור.
- דערנאך נעמט מען א כזית מצה פון די אונטערשטע מצה פאר כורך און מען וויקלט דעריין איין א כזית מרור, און מען זאגט כן עשה הלל, און מען עסט דאס צוזאמען יא אנגעלאנט.
- נאכן אפעסן פארן בענטשן עסט מען דעם אפיקומן אנגעלאנטערהייט. לכתחילה דארף מען עסן צוויי כזיתים, אבער כאטש נישט ווייניגער ווי א כזית.
- מען ברויך זעהן צו האבן מזומן ביים בענטשן, און אויך אן אריטאן ביים טיש.
- די צווייטע נאכט יום טוב הייבט מען אן ציילן ספירה, דאס איז א גרויסע מצוה.

אופן שכירות היותר מועיל. וגם מכרתי לה דברים המונחים שם. ואלו הן. שעורים בערך קיבל או יותר. חצי קיבל באנדליך. חצי קיבל בערך או יותר שבולת שועל שקורין האבער. גם כל כלים של חמץ של עץ המונחים שם דהיינו חביתין, ועריבות, ודפי מולייתא, ועצי מגלגלין, ונפות וכברות ומרדות המונחים שם. וגם אם יש באיזה מקום ברשותי איזה חמץ מונח או גדבק, הכל מכרתי לה בעד סך ארבעה עשר שיין, ס"ה דמי המכירה והשכירות עולה חמשה עשר שיין. כל הנזכר מכרתי לה במכירה גמורה פסוקה וחלוטה לחלוטים ולצמיתות עלמין בלי שום שיור ותנאי שבעולם. (העתק זה הי' למראה עיני הגאון הצדיק מו"ה מענדילע מדעש זצ"ל והגיה בכאן וז"ל לפענ"ד צ"ל כאן ונתנה על זה אדרויף סך ששה צל פשוטים) והקניתי לה כל המטלטלים הנ"ל אגב קרקע בתורת קנין חצר שהוא במקום משיכה, וגם בקנין כסף אדרוף הנ"ל שנתנה על השכירות ועל המכירה, ובכל אופן היותר מועיל, הקניתי לה כל הנ"ל והמותר עד תשלום דמי השכירות והמכירה זקפתי עלי' במלוה. וזמן הפירעון בשלשה ועשרים בניסן דנא הבע"ל. ורשאה הערלית הנ"ל לעשות בכל מה שנמכר לה כחפצה וכרצונה כאדם העושה בשלו בלי שום מוחה ומעכב. ומעתה אין עלי הח"מ שום אחריות על כל הנמכר לה אף לא אחריות דפשיעה, ויש להערלית הנ"ל דריסת הרגל לילך דרך רשותי דרך החצר של ביהכנ"ס להקעמעריל הנ"ל בכל עת שתרצה כל ימי משך השכירות הנ"ל, כל זה נעשה ברצון טוב ולא באונס והכרח כלל ובכל אופן קנין מכירות ושכירות היותר מועיל לדת תוה"ק ולתיקון חכמינו ז"ל הקניתי לה בלב ונפש חפיצה ובקנין גמור מעכשיו דלא כאסמכתא ודלא כטופסי דשטרי. נעשה היום יום ה' י"ג ניסן תקצוא"ו לפ"ק, פה ק"ק אוהעלי. והכל שריר וקיים. נאום ה"ק משה טייטלבוים.

## שטריימל צו בדיקת חמץ

הרה"ק מליסקא זי"ע פלעגט זיך אנטוען א שטריימל צו בדיקת חמץ.

## אנגיסן ווין פלעשער פאר די ארימעלייט אויף ד' כוסות

ערב פסח פלעגט מען אים ברענגען א ריזיגן פאס פיל מיט וויין, און ער האט אליינס אנגעגאסן און געמאסטן וויין אין פלעשער, אז עס זאל זיין גענוג פאר אלע ארימעלייט אין די שטאט פאר די ד' כוסות.

## די פערד אנטלויפט

א אינטערסאנטע זאך האט פאסירט אמאל ערב פסח אין די לעצטע יארן פאר זיין הסתלקות, מען האט

גערופן א פיאקער געבינדן מיט איין פערד צו גיין אין בעקעריי באקן די מצות מצוה, און א מאדנע זאך האט זיך אפגעשפילט, ווי נאר ער האט אויפגעהויבן די פיס ארויפצוגיין אויפן וואגן, איז דער פערד אנטלאפן מיטן וואגן, מען האט צוריקגעברענגט דעם וואגן און ער האט נאכאמאל געוואלט ארויפגיין און דאס פערד איז נאכאמאל אנטלאפן, אזוי האט זיך דאס איבערגעשפילט עטליכע מאל, דער ר"ר הערשעלע האט זיך שטארק דערשראקן דערפון, ער האט געהייסן מען זאל פארשיקן דעם פיאקער, און ער איז אויך צוריק אהיימגעגאנגען. דערנאך איז ער געגאנגען צו פיס אין מצה בעקעריי מיט א ציטער, אינמיטן וועג איז אים אקעגן געקומען דער שוחט הרב החסיד ר' יודא ז"ל ברענגענדיג גאר גוטן מרור, ער האט זיך שטארק געפרייט מיט די מתנה וואס ער האט אים געברענגט. (שטענדיג פלעגט זיך ר' הערשעלע זי"ע פרייען אויב מען איז אים אקעגן געקומען מיט פילע הענט [זעהט זיך אויס אלס סימן טוב]), שפעטער האט ער אים געגעבן דאפלט וויין פאר די ד' כוסות.

*

## נישט געהאט אורחים ביים סדר

כאטש א גאנץ יאר האט ער געהאט גאר אסאך געסט, און האט שטענדיג געגליסט ווי נאך ער קען האבן געסט און געבן צועסן, אבער פסח האט ער דאס נישט אזוי געזוכט. מעגליך איז דאס געווען די סיבה וויל ביי די סדר נעכט בלילי פסחים זענען אלע פרווען געזעצן ביים טיש, א זאך וואס איז נישט געווען א גאנץ יאר, זיין מאמע די צדיקת "שרה די בעקערין" פלעגט זיצן נעבן אים אין די זייט פון זיין טיש און ער פלעגט שטארק ארויסווייזן צו איר א פנים שוחקות. אויף די עלטערע יארן פלעגט ער איר געבן די כזיתים מצה זאל דאס איינווייקן אין לווילעך וואסער וויל ער האט נישט געקענט קייען, און דערפאר האט ער נישט געוואלט האבן פרעמדע געסט.

## עוז וחדוה במקומו

ביים ערשטן טייל פונעם סדר איז הרה"ק מליסקא געזעצן מיט א געוואלדיגע שמחה, אויפגעלייגט מיט א פנים שוחקות, ער האט פארברענגט מיט די קליינע קינדער. שטענדיג ווען ער פלעגט זאגן "מלמד שהיו ישראל מצויינים שם" פלעגט ער צולייגן און ערקלערן פאר די קינדער בזה הלשון: זיי זענען געגאנגען אין פיאות, אין א בארד, אין ציצית וכו'.



[הערדת נכדו הג"ר וואלף ז"ל דער טאטע הרב המפורסם מהר"י זצ"ל (הגה"צ רבי יוזעף גאלדבערגער זצ"ל איידעם פון הרה"ק מליסקא זי"ע) פלעגט צו טייטשן אין די הגדה, מעשה בר' אליעזר, שהיו מספרים ביציאת מצרים, האט ער געזאגט בדרך רמז, אז מספרים אז א לשון פון בהירות, פון קלארקייט, מלשון ספיר ויהלום. אז זיי האבן אזוי געשיינט מיט יציאת מצרים יענע גאנצע נאכט, ווי מיר געפינען אין זוהר הקדוש אז יענע נאכט האט געשיינט ווי דער טאג פון תקופת תמוז, ביז די תלמידים זענען געקומען און האבן געזאגט, רבותינו הגיע זמן ק"ש של שחרית וויל עס האט זיך זיי געדאכט אז עס איז שוין געווארן טאג].

## א גרויסער ליכטיקייט

הגה"צ רבי יחיאל אויש זצ"ל וואלקאנער רב האט דערציילט פון זיין מומע וואס איז געווען אן אייניקל פון הרה"ק מליסקא זי"ע, די פרוי פון הרה"ח ר' אברהם יושע גראס ז"ל וואס איז געווען אן איידעם ביים טל חיים זצ"ל, אז ווען איר מאמע – רבי הערש'עלעס טאכטער – איז נפטר געווארן אינגערהייט רח"ל האט זי איבערגעלאזט דריי קליינע יתומות.

פסח ביינאכט האט הרה"ק מליסקא געהייסן זיין משמש ער זאל ברענגען נעבן אים א באנק, און ער האט דארט אוועקגעזעצט די דריי יתומות. בעפאר ער האט אנגעהויבן קידוש מאכן, האט ער זיך געווענדן צו איר – זי איז דאן אלט געווען פינף יאר – און געזאגט הארציג: "טייערער אייניקל, אויב אינמיטן סדר וועסטו זען עפעס א ליכטיקייט פאר דיר, זאלסטו נישט מורא האבן. דו זאלסט מיך אנכאפן, און עס וועט דיר גארנישט פאסירן".

אזוי האט מען אפגעראכטן דעם סדר, אינמיטן סדר האט זי טאקע געזען א געוואלדיגע ליכטיגקייט. זי האט זיך זייער דערשראקן, און האט ארייגעשטופט איר פנים אין שויס פונעם זיידן. זי האט שפעטער דערציילט אז זי האט זייער מורא געהאט אז אפשר האט זי געשטופט דעם זיידן צוליב דעם גרויסן פחד וואס זי האט געהאט.

## קארטאפל פאר כרפס

אויף כרפס האט ער גענומען קארטאפל וואס מען רופט "ערד עפפעל" ער פלעגט מאכן דערויף א גאנץ יאר אויך א בורא פרי האדמה.

## שיעורים פון כזיתים

איבער די כזיתים פלעגט ער שטארק מקיל זיין, זאגנדיג אז ער האט געזען איילבירטן און עס איז זייער קליין.

## נישט נעמען סאלאט פאר מרור

סאלאט האט ער קיינמאל נישט געגעסן מורא האבנדיג פון ווערים.

## גנב'ען דעם אפיקומן.

דער טל חיים זצ"ל האט נאכגעזאגט בשם זיין שווער הרה"ק מליסקא זי"ע א טעם פארוואס מען גנב'עט דעם אפיקומן, וויל די מצה איז מרמז אויף פרנסה (לחם עוני) און דער בעל הבית לייגט אוועק האלב פון זיין מצה אויפן טיש אויף דער וועלט, און די גרעסערע העלפט וויל ער אוועקלייגן אויפן עולם הבא. אבער זיין ווייב און משפחה ווילן אז די גאנצע פרנסה זאל זיין נאר אויף די וועלט, דעריבער גנב'ענען זיי דעם אפיקומן, אבער דער בעל הבית דארף היטן דערויף...

הרה"ק מליסקא פלעגט מדקדק זיין צו עסן דעם אפיקומן די ערשטע נאכט פסח פאר חצות, אבער די צווייטע נאכט האט ער נישט אזוי מדקדק געווען דערויף.

אין ספר הישר והטוב שטייט אז דער אפיקומן איז א שמירה ווייל עס איז אנשטאט דעם קרבן פסח.

## המשל ופחד עמו

ביים צווייטן טייל פונעם סדר האט ער זיך געטוישט אינגאנצן צו א געוואלדיגע גרויסע יראה. זיין פנים האט אים געברענט ווי א פלאם פייער מיט די אויגן פארמאכט. ספעציעל ביי הלל הגדול איז ער געווען ממש אויסגעטאן פון דעם עולם, ער האט נישט געוויסט אפילו וואס טוט זיך אין שטוב, מיר אלע זענען געזעצן שטיל און מיטגעשעפשעט בלויז מיט די ליפן פון גרויס פחד וואס האט אנגעפילט די גאנצע שטוב. דאס האט אנגעהאלטן ביז נאכן פערטן כוס וואס דאן איז ער צוריק געווען מיט א געוואלדיגע אהבה ושמחה, ער האט געבענטשט דעם גאנצן עולם ארויפלייגנדיג די הענט אויפן קאפ.

## אנא ד' מלטה נפשי

איינמאל האב איך (זיין אייניקל הרה"ג ר' וואלף ג"ב זצ"ל מח"ס דרכי הישר והטוב) זוכה געווען צו באטראכטן ביים סדר אינמיטן זאגן הלל ווי ער האט האט זיך געווארפן דעם קאפ אויף ארינטער און געדרייעט מיט זיינע לעכטיגע אויגן אויף אלע זייטן זאגנדיג דריי מאל "אנה ד' מלטה נפשי. מלטה נפשי." ער האט דאס געזאגט מיט אזא געבעט פון טיפעניש פון הארצן, ווי א מענטש וואס געפינט זיך אין א גרויסע סכנה און בעט זיך ביי די וואס שטייען נעבן אים זיי זאלן אים ראטעווען ממות לחיים, אזוי האט ער געבעטן אויף זיך.

## אני עבדך נישט, אבער בן אמתך יא!

איינמאל ווען ער איז אנגעקומען צו די ווערטער אני עבדך בן אמתך, האט ער געזאגט, "אני עבדך" קען איך נישט זאגן, אבער "בן אמתך" קאן איך יא זאגן, זאגנדיג דאס אויף זיין מאמע ע"ה אז ער איז נישט מסופק אויף איר אז זי איז געווען א פולשטענדיגע צדיקת.

### די רשעים זאלן נאר נישט העלפן די תורה

איינמאל האט ער געזאגט פסח ביים סדר פשט אויפן פסוק "סבוני כדבורים וגו'" דער פשט איז, די אומות העולם טוען מיך ארום נעמען ווי די בינען און זאגן אז זיי ווילן אונז געבן האניג. זאגט דוד המלך ע"ה "דועכו כאש קוצים" פארשטויס זיי פון דיר אזוי ווי דאס פייער פון די דערנער.

ער פלעגט אזוי צו טייטשן אויך דעם פסוק אין תהלים (קי"ט) זלעפה אחזתנו מרשעים עוזבי תורתיך. דאס ווארט "עוזבי" באדייט אויך א לשון פון העלפן (מלשון עזוב תעזוב). אזוי זאגט דוד המלך ע"ה, "זלעפה אחזתני" א ציטערניש גרייפט מיך אן פון די רשעים וואס ווילן מיר מיטהילפיג זיין צו די תורה הקדושה, ווייל דאס איז פאלש. די שלעכטע רשעים זאגן עס נאר אז זיי ווילן אונז צו דער תורה הקדושה בייהילפיג זיין, אבער אין טיפן הארצן טראכטן זיי דאס פארקערטע.

## חסיד הוא

איינער פון די געסט ביים סדר, האט דערציילט אז ווען הרה"ק מליסקא זי"ע איז אנגעקומען ביים פיוט פון "אדיר הוא" צו די ווערטער "חסיד הוא" האט ער אויסגעבראכן אין א געוויין און געזאגט: אז דו ביסט יא א חסיד און נישט קיין אשכנז, פארוואס זאגסטו נישט "ויצמח פורקניה ויקרב משיחיה". ער זאל שוין מאכן שפראצן די אויסלייזונג און דערנענטערן משיח, אזוי ווי די חסידים זאגן ביי

# נישט עסן מצות גאנץ יום טוב



איינע פון די אינטערסאנטע מנהגים וואס הרה"ק מליסקא זי"ע האט געהאט און האט אויסגערופן שטארקן חידוש ביי פילע גדולי תורה איז געווען די חומרא נישט צו עסן קיין מצות גאנץ פסח אפילו שבת ויום טוב נאר בלילי פסחים צו די כזיתים, וויבאלד עס איז זייער שווער צו קענען באקן די מצות מצוה כדת וכדין עס זאל זיין אן קיין שום נדנוד ופקפוק, דערפאר האט ער געגעסן די מצות נאר וואס עס איז די מצות עשה בלילי פסחים.

דער מקור המנהג שטאמט נאך פון זיין רבי'ן דער הייליגער ישמח משה זי"ע וואס האט געהאט גרויסע חומרות און האט נישט געגעסן גאנץ פסח קיין מצות, און פון אים האט הרה"ק מליסקא זי"ע דאס מקבל געווען און זיך געפירט אין דעם מנהג, האלטנדיג דערפון גאר שטארק.

זיין אייניקל הרה"ג ר' וואלף ז"ל מח"ס דרכי הישר והטוב שרייבט אז אלס קינד האט ער אנגעהויבן זיך צו פירן אין דעם מנהג נישט צו עסן קיין מצות, און ער האט אים מכיר טובה געווען דערפאר.

איבער דעם ענין פון נישט עסן מצות אום גאנץ פסח איז אויך דא א בריוו פון הרה"ק מליסקא זי"ע ווי ער שרייבט צום סערענטשער רב זצ"ל, וועלכער פרעגט אים אן איבער זיין מנהג וועגן עסן מצות, ענטפערט ער אים דערויף אז דאס ווייסט ער קלאר אז דער אוהעלער רב זצ"ל (ישמח משה) האט נישט געגעסן קיין מצות נאר די צוויי נעכט פון פסח די כזיתים וואס עס שטייט אין שו"ע אז מען איז מחויב צו עסן. דער אונגווארער רב (מהר"ם א"ש זצ"ל פון וועמען הרה"ק מליסקא זי"ע איז אויך געווען א תלמיד) האט געגעסן אויך שבת ויום טוב ווייל ער האט געוואלט מקיים זיין סעודת שבת ויום טוב מיט פת, הגם ער האט מסתמא אויך נאר געגעסן יוצא צו זיין דעם חיוב און נישט מער. דערפאר קען זיך יעדער אויסוועלן צי ער זאל זיך פירן ווי דער אוהעלער רב אדער ווי דער אונגווארער רב, אבער נישט צו עסן חול המועד קיין מצות איז זיכער א גוטע זאך זיך אזוי צו פירן, ווי ער פירט אויס "כן נראה לדעתי הקלושה".

דער בריוו לייענט זיך ווי פאלגענד:

**שוכ"ט לכבוד ידיד ה' ויד"נ ה"ה הרב המאה"ג המפורסם כקש"ת מו"ה עמרם שי' נ"י ויה"ל אבד"ק סערענטש יע"א.**

**הנה אני שולח למעלתו נ"י את החטים של שמירה אשר הי' לו אצלי.**

**והנה מה ששאל מעכת"ה בענין הנהגת אכילת מצה. הנה הרב הגאון מאוהעל זצ"ל ידעתי בבירור גמור שלא אכל מצה רק בב' לילות של החג' כ"כ זיתים כפי המבואר בשו"ע או"ח, והרב הגאון מאונגוואר זצ"ל הוא אכל גם בשבת וביו"ט לפי שרצה לקיים סעודת שבת ויו"ט בפת, הגם שמסתמא גם זה לא אכל רק לצאת ידי חובתו ולא יותר, ע"כ בזה כל הרוצה לבחור יבחור, אם לנהוג כפי שנהג הרב הצדיק מאוהעל או כפי הרב הצדיק מאונגוואר. אבל שלא לאכול בחוה"מ בודאי הוא ראוי ונכון לנהוג כן.**

**כן נראה לדעתי הקלושה, א"ד ידידו ואוהבו נצח הק' צבי הירש בהר"א ז"ל אבד"ק ליסקא יע"א**

אין שו"ת שם עולם להג"ר שמואל אהרן רובין זצ"ל איז דא א ביאור אז דער מנהג שטימט להלכה, לויטן ספר חסידים אז אויב דאס פאסטן איז א תענוג, מעג מען פאסטן שבת ויום טוב.

קדיש...

## געזען אליהו הנביא

צעמאל פלעגט ער פרעגן פון די אינגע אייניקלעך צי זיי האבן נישט געזעהן אליהו הנביא ביי שפוך חמתך.

## ספירת העומר

ספירת העומר פלעגט ער ציילן די צווייטע נאכט אין בית המדרש גלייך נאך מעריב מיטן עולם, זיכער האט ער אינזין געהאט כדי צוצוגעווינען דעם עולם מיט די מצוה. ער פלעגט צו האקן מיט זיינע הייליגע הענט אויפן טיש ביים ציילן ספירה.

## גיין אין מקוה

די צווייטע נאכט איז הרה"ק מליסקא געגאנגען אין מקוה פארן סדר.

## אוירא דארץ ישראל

דער גאלאנטער רב זצ"ל האט דערציילט אז הרה"ק מליסקא פלעגט זיין זייער פרייליך די צווייטע נאכט פסח, זאגנדיג אז אין ארץ ישראל ענדיגט מען אלעס די ערשטע נאכט, דערפאר קומט אהער די הייליגע לופט פון ארץ ישראל.

## גרויסע פעסער בארשט לכבוד יום טוב

די באבע די צדיקת ע"ה (די רעבעצין פון הרה"ק מליסקא זי"ע) פלעגט אנגרייטן פאר פסח צווי גרויסע פעסער מיט בארשט, און זי פלעגט טיילן גאנץ יום טוב פאר אלע ארימעלייט פון די שטאט, און פאר אלע געסט וואס פלעגן קומען צו הרה"ק מליסקא זי"ע פלעגט זי אליינס קאכן און טיילן.

## בארשט מיט קרומפירן שטייט פריי

הרה"ק מליסקא זי"ע פלעגט יעדן טאג חול המועד נאכן דאווענען אויסרופן אין בית המדרש **"בארשט מיט קרומפירן** (קארטאפל) **שטייט פריי ביי מיר, ווער עס וויל עסן זאל אריין קומען".** ער האט געזאגט אז ער שפירט גאר א גוטן טעם אין די ימי הפסח אין די בארשט. צוגעבענדיג, אז איינמאל האט ער געהייסן מען זאל אים מאכן נאך פסח אויך דעם מאכל אבער ער האט נישט געשפירט דעם טעם וואס ער האט געשפירט אין פסח.

## נישט נאכמאכן חמצ'יגע מאכלים

הרה"ק מליסקא זי"ע האט מחמיר געווען אז מען זאל נישט מאכן ביי אים אין שטוב פסח קיין שום מאכל וואס איז ענליך צו א חמצ'יג מאכל, ווי למשל לאקשן א.ד.ג וואס מען מאכט פון קארטאפל.

## געבראקטס אחרון של פסח

הרה"ק מליסקא האט זיך געפירט נישט צו עסן קיין געבראקטס גאנץ פסח, נאר אחרון של פסח ווי עס איז דער מנהג ביי חסידים. סוף ימיו האט ער נישט געגעסן קיין געבראקטס אפילו אחרון של פסח.

## ברוינפן אום פסח

ער האט נישט געטרינקען קיין שום ברוינפן אפילו אויב מען האט דאס געמאכט אויפן בעסטן וועג.

## צוקער אום פסח

ער האט נישט געגעסן קיין צוקער, די קאווע האט ער געטרינקען מיט האניג.

(פארזעצונג אויף זייט 35)

אין השמטות פון ספר שולחן מלכים ברענגט ער פארשידענע צדיקים וואס האבן זיך אזוי געפירט, און אז אין אונגארן האבן אסאך ערליכע אידן געגעסן מצות נאר די ערשטע צוויי נעכט ביי די סדרים, ווי ער איז מבאר אז עס שטימט מיט די הלכה.

דער ענין ווערט נאך צוגעצייכט אין שערי תשובה (או"ח סי' ת"ס) ווי ער פירט אויס דערויף: **ועל אלו שלבם לשמים קורא אני ועמך כולם צדיקים.**

אין שו"ת התעוררות תשובה, פון הגה"צ רבי שמעון סופר זצ"ל דער ערלויער רב, איז ער אויך מלמד זכות אויף דעם מנהג, אז כאטש זיי זענען נישט מקיים דעם עונג שבת און יום טוב, אבער וויבאלד זיי האבן מורא פון א חשש חמץ איז דאס עסן נישט קיין תענוג פאר אים און ער דארף נישט עסן.

ווען דער נאנאשער רב הגה"צ רבי ישראל אפרים פישל סופר זצ"ל בעל אפסי ארץ איז געווען אן אבל ל"ע, האט ער געפרעגט הרה"ק מליסקא אויב ער מעג דאווענען פארן עמוד ראש השנה. האט ער אים געענטפערט אז על פי הלכה מעג ער ווען עס איז נישטא קיינער וואס איז חשובער פון אים. האט אים דער נאנשער רב געפרעגט וויפיל איז דער שיעור אויף דעם. האט הרה"ק מליסקא געזאגט, אז אויב ער וועט זיך פארנעמען צו עסן מצות נאר ביי די צוויי סדרים, ווערט עס גערעכנט ווי דער שיעור אז עס איז נישטא קיין בעסערער ווי אים.

מרן רביה"ק זי"ע האט דערציילט אז הרה"ק מליסקא זי"ע האט זיך געפירט אין געווויסע מנהגים פון ישמח משה זי"ע נאך מער ווי זיין אייניקל דער ייטב לב זי"ע, וויל למשל דער ענין פון עסן מצות גאנץ פסח, און עסן די פיש ביי די שבת און יום טוב'דיגע סעודות ביים סוף סעודה, און נאך אזעלכע זאכן, וואס דער ייטב לב האט זיך נישט אזוי געפירט, נאר אויב עס האט פאסירט אז עס איז אים נישט געפאלן די וויין, האט דער ייטב לב אויך מחמיר געווען אויף זיך און געגעסן מצות נאר די ערשטע צווי נעכט.

דער רבי זי"ע האט דערציילט אז אין די לעצטע יארן האט דער ישמח משה געטוישט זיין מנהג און האט יא אנגעהויבן צו עסן מצה גאנץ פסח. אבער הרה"ק מליסקא איז דאך געבליבן מיט די חומרא נישט צו עסן מצה גאנץ פסח.

ווען מען האט געפרעגט רבי הערשעלע ליסקער זי"ע פארוואס ער עסט נישט קיין מצה אויב זיין רבי דער ישמח משה האט געטוישט זיין מנהג, האט ער געענטפערט, דאס אז דער ישמח משה האט זיך געטוישט האט ער נאר געהערט א שמועה, אבער דאס אז ער האט זיך געפירט מיט די חומרא, דאס האט ער געזען מיט די אייגענע אויגן, דעריבער וועט ער זיך נישט טוישן פון דעם וואס ער האט געזען מיט די אויגן, צוליב א שמועה וואס ער האט נאר געהערט (זעה אין ספר מושיען של ישראל ח"ב מערכת הישמח משה באריכות).

## צוגעזאגט א ישועה בזכות המנהג

אמאל איז געקומען איינער צו רבי הערש'לע זי"ע בעטן א ישועה, האט ער אים צוגעזאגט א ישועה מיטן תנאי אז ער וועט מקבל זיין אויף זיך דעם מנהג נישט צו עסן מצות גאנץ פסח.

די קפידא נישט צו עסן מצה אום פסח אויסער די כזיתים ביים סדר, איז געווען נאר אין די זיבן טעג פון פסח, אבער אחרון של פסח האט מען יא געגעסן מצות. אויך האט מען נישט אנגענומען די קפידא פאר פרויען און קינדער.

## דער ספרדישער בי"ד איז מתיר

טראץ וואס אלע חכמי ורבני ירושלים הגדולים וואס האבן באלאנגט צו די עדת האשכנזים, זענען ארויסגעקומען גאר שארף לאיסור, האט אבער ליידער מעשי שטן הצליח אז ביים ספרדישן בי"ד האבן די רשעים יא באוויזן מצליח צו זיין, און זיי איבעררעדן אז זיי זאלן מיטשטיין מיטן היתר צוליב דעם גרויסן פיקוח נפש... בראש פונעם ספרדישן בי"ד איז דאן געשטאנען הג"ר יעקב שאול אלישר ז"ל.

נאכדעם וואס דער פקיד ווערמסער פון זכרון יעקב איז ארויס מיט ליידיגע הענט פון הגאון רבי שמואל סלאנט זצוק"ל, ווען ער האט געזאגט אז א מכירה אויף קרקעות וואס ווערט נישט אדורכפירט לויט די נימוסי המדינה האט נישט קיין שום תוקף. האבן זיי פרובירט ביים ספרדישן ראב"ד וועלכער האט דאס אויך מתיר געווען און זיי געשריבן אין א בריוו, אז כאטש לכתחילה וואלט בעסער געווען אז עס זאל ווערן אדורכגעפירט לפי נימוסי הממשלה, אבער אויב נישט איז גענוג אז מען מאכט דאס ביי א אידישן בי"ד און דער הויפט חכם באשי זאל דאס באשטעטיגן.

די פושעים אין הצב"י האבן געפאכעט מיטן בריוו פון הגרי"ש אלישר וואס איז פאר זיי געווען א גרויס געווינס אז ער שטימט צו צום היתר מכירה.

דר. גאלדבערג איז אבער גאר קנאפ געווען צופרידן אז מען גייט אהערשטעלן א מכירה דורכן ספרדישן בי"ד אינדערצייט וואס דער ביד"צ האשכנזים איז דערקעגן, ער האט דאן צוריקגעשריבן א בריוו קיין קאוונא צו רבי יצחק אלחנן, ווי ער פרעגט אים אן דערוועגן. רבי יצחק אלחנן דערמאנט דאס אין א בריוו וואס ער האט געשריבן סיון תרמ"ח (ווי מיר וועלן שפעטער ציטירן במילואו) ווי ער שרייבט בתוה"ד:

**וכהיום בא אלי מכתב מן כבוד הד"ר גולדבערג שכותב אלי לדרוש עצה ממני איך ומה יעשה כי אינם רוצים שם להסכים להיתרא כלל, ואדרבה, הכריזו באיסור לאסור הפירות שביעית, וגם לאסור שלא יעשו אף ע"י נכרים. ולא לסמוך על איזה היתר... וכותב הרב הד"ר גאלדבערג אלי כי הב"ד דאשכנזים אינם מסכימים על היתר מכירה בב"ד שלהם, רק דעתם שיהי' הכל עשוי בערכאות דוקא, רק הב"ד ספרדים מסכימים שיהי' המכירה מועיל לעשות בב"ד שלהם. ודרש אלי הד"ר הנ"ל אם לנו האשכנזים לילך לב"ד הספרדים כיון שאנו נגררים תמיד אחר ב"ד האשכנזים. ולע"ע לא השבתיו עדיין כלל, כי לפי הנראה יהי' הענין במחלוקת גדולה ח"ו. ויש לי צער מזה כי מעולם לא דימיתי על זה כלל. וגם החתומים על המכתב הגדול הנ"ל, יש שם רבנים חתומים מצידו של הגאון ר' יושע ליב נ"י, וכותבים כי כן גם דעת הגאון הנ"ל לאיסורא ונמנה ג"כ בהאוסרין**[1].


דער "היתר" פראפאגאנדע אין די צייטונגען

קומענדיגע חודש אי"ה


1 פון די ווערטער פון הגאון רבי יצחק אלחנן ז"ל זעהט זיך אויס, אז בשעת ער האט געשריבן דעם היתר האט ער נאך בכלל נישט געוויסט איבערן דעת תורה פון הגאון רבי יושע לייב דיסקין זצ"ל לאיסור, און נאכמער, אפילו יעצט האט ער נאך אויך נישט געהאט דעם בריוו פון רבי יושע לייב זצ"ל ווייל ער שרייבט בלויז אז עס איז דא חתימות פון רבנים פון דער זייט פון רבי יושע לייב און אז זיי שרייבן אז רבי יושע לייב דיסקין האלט אויך לאיסור, מעגליך אז רבי יושע לייב האט ערשט שפעטער ארויסגעגעבן זיין בריוו אדער איז דאס דעמאלט נאכנישט נתפרסם געווען, אבער אבער ווען ער וואלט ווען געוואוסט, וואלט ער זיך נישט ארייגעלאזט אין דעם גאנצן "היתר" אונטערנעמונג

# ליסקא


(פארזעצונג פון זייט 13)


## חומרות אום פסח

כאטש א גאנץ יאר פלעגט ער סוף ימיו שטארק מקיל זיין, אבער פסח האט ער געזאגט אז פסח איז נישטא קיין זאך וואס איז בלויז א "חומרא", קיין שום זאך איז נישט בלויז א איבעריגע חומרא, ווייל מען ברויך מחמיר זיין וויפיל מען קען.

## דער ניגון "ויושע" אין צאנז

הרה"ג ר' חיים ליפשיץ זצ"ל האט געהערט פון הרה"ק רבי ישעי'לע קערעסטירער זי"ע אז הרה"ק מליסקא זי"ע האט דערציילט אז דער הייליגער צאנזער רב זי"ע האט אים געזאגט, אז עס דאכט זיך אים, אז דער ניגון וואס מען זינגט שביעי של פסח אויף ויושע אין צאנז און אין נאך פלעצער, איז דער ניגון וואס אידן האבן געזינגען ווען זיי זענען אריבערגעגאנגען דעם ים סוף.

## שירה אחרון של פסח

אחרון של פסח האט מען ביי הרה"ק מליסקא אויך געזאגט די שירה פסוק בפסוק.

## שירה פון די מלאכים

הרה"ק מליסקא זי"ע האט זיך אמאל ארויסגעכאפט צו זיין איידעם הגה"צ רבי יוזעפף זצ"ל אז ער האט זוכה געווען צו הערן די מלאכים זאגן שירה. האט ער צוגעלייגט: "אפשר וועסטו מיינען אז עס דויערט לאנג? איין רגע. אין א מינוט ארום איז מען היה כלא היה".

## גזלנים ארויס

הרה"ק רבי ישעי'לע קערעסטירער זי"ע האט דערציילט, אז הרה"ק מליסקא זי"ע האט געהאט א ספעציעלן ענין צו דערציילן די פאלגענדע מעשה אחרון של פסח בשעת'ן עסן די קניידלעך. און עס זענען דא וואס זאגן אז ער האט דערציילט די מעשה בשם דעם הייליגן ריזשינער זי"ע. ומי בא בסוד קדושים.

עס איז געווען אמאל א איד וואס האט זיך געפירט נישט צו עסן געבראקטס גאנץ פסח. אחרון של פסח ווען ער האט אנגעהויבן עסן די קניידלעך, האט ער אנגעהויבן צו שפירן א שטארקע ווייטאג אין בויך, האט ער גענומען א ווארעם פלאש אז די יסורים זאלן אוועקגיין. דערנאך האט ער געגעסן נאך קניידלעך, און זיינע ווייטאגן זענען שטערקער געווארן, ביז ער האט געהאט שרעקליכע יסורים, און ער האט אנגעהויבן שרייען "גזלנים ארויס!".

זכותו יגן עלינו ▩